## ברוך־הבאָ! איר זענט אָנגעקומען אויפֿן ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט – ייִוואָ.

דעם איצטיקן חלק קענט איר דורכקוקן אויף דרײַ פֿאַרשיידענע אופֿנים:

- דורך בלעטערן דעם דאָקומענט מיטן רוק־טעוועלע (רעכטס) אָדער דורכן געבן אַ קוועטש אויף די פֿײַלעכלעך לעבן דעם זײַטלעך־מעסטער (אונטן, למשל: „1 פֿון 1״).
- דורך געבן אַ קוועטש די בינדונגען מיט ספּעציפֿישע זײַטלעך, אויסגערעכנט דאָ אונטן.
- דורך עפֿענען דאָס נאַוויגיר־טעוועלע און געבן אַ קוועטש דאָס נאַוויגיר־קנעפּל אויפֿן באַפֿעל־טעוועלע און דערמיט אויסקלײַבן עפּעס פֿון דער רשימה „לייען־צייכנס״.

---


- וועגן דעם ייִוואָ
- דער ייִוואָ: זײַן לאָקאַל און וויזיט־שעהען
- אַרײַנפֿיר צו דער ביבליאָטעק און צום אַרכיוו
- דער מאַקס ווײַנרײַך־צענטער פֿאַר העכערע ייִדישע שטודיעס
- ייִוואָ־פּובליקאַציעס אויף ייִדיש
- ווערט אַ ייִוואָ־מיטגליד
- דער ייִוואָ און ייִדיש

## וועגן דעם ייִוואָ אין קורצן

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ איז געגרינדעט געוואָרן אין 1925 אין ווילנע. אין 1940 איז דער זיץ פֿונעם ייִוואָ איבערגעטראָגן געוואָרן קיין ניו־יאָרק. דער ייִוואָ גיט זיך אָפּ מיט דער געשיכטע און לעבן־שטייגער פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און מיט דער השפּעה פֿון די דאָזיקע ייִדן אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זײַענדיק די איינציקע פֿאַר־חורבנדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטיטוציע וואָס איז איבער אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז דער ייִוואָ דער אָנגעזעענטסטער צענטער וואָס פֿאַרנעמט זיך מיטן פֿאָרשן ייִדישע שפּראַך, ליטעראַטור און פֿאָלקלאָר.

אין דער ייִוואָ־ביבליאָטעק און ־אַרכיוו, די גרעסטע זאַמלונג אויף דער וועלט פֿון ייִדישע ביכער, דאָקומענטן און אַנדערע אָביעקטן וואָס האָבן אַ שײַכות מיט דער געשיכטע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, קומען יעדעס יאָר העכער 4,000 פּראָפֿעסאָרן, סטודענטן, מוזיי־קוראַטאָרן, שרײַבערס, פֿילם־רעזשיסאָרן, קינסטלערס, היסטאָריקערס און גענעאַלאָגיע־פֿאָרשערס. דער ייִוואָ גיט אויך אַרויס וויסנשאַפֿטלעכע פּובליקאַציעס און אָרגאַניזירט קאָנפֿערענצן, רעפֿעראַטן, אויסשטעלונגען און קורסן. דאָס יאָר, לכּבֿוד זײַן 75סטן יובֿל, וועט דער ייִוואָ אַראַנזשירן אַ ספּעציעלע סעריע פּראָגראַמען פֿאַרן ברייטן עולם.

דער ייִוואָ געפֿינט זיך איצט אין אַ נײַער היים, וואָס הייסט „צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע”, אויף 15 וועסט 16טע גאַס אין מאַנהעטן. (ביז דער אָפֿיציעלער עפֿענונג פֿונעם צענטער, האַרבסט 2000, איז דער אַרײַנגאַנג אויף 22 וועסט 17טע גאַס.) דער טעלעפֿאָן: 6080-246 (212). גיט דאָ אַ קוועטש אויסצוגעפֿינען די אַרבעט־שעהן פֿונעם ייִוואָ.

- איבערבליק
- ווי אַזוי צו קריגן מער אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם אַרכיוו און דער ביבליאָטעק
- וויזיט־שעהען אינעם אַרכיוו און אין דער ביבליאָטעק און זייערע כּללים
- ווי אַזוי צו שענקען מאַטעריאַלן דעם אַרכיוו און דער ביבליאָטעק
- ווי אַזוי צו קריגן רשות צו רעפּראָדוצירן מאַטעריאַלן פֿונעם אַרכיוו און פֿון דער ביבליאָטעק


## איבערבליק

די ייִוואָ־ביבליאָטעק, אַ מיטגליד אין דער פּרעסטיזשיקער „גרופּע פֿאָרש־ביבליאָטעקן", פֿאַרמאָגט העכער 350,000 ביכער. דער ייִוואָ־אַרכיוו פֿאַרמאָגט העכער 22 מיליאָן דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, רעקאָרדירונגען, פּלאַקאַטן, פֿילמען, ווידעאָ־טאַשמעס אאַז"וו. אַזוי אַרום איז דאָס די גרעסטע זאַמלונג מאַטעריאַלן וועגן דער געשיכטע און לעבן־שטייגער פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע און אַמעריקאַנער ייִדן.

דער ייִוואָ האָט די גרעסטע קאָלעקציע ביכער און דאָקומענטן אויף מאַמע־לשון. דער אַרכיוו און די ביבליאָטעק האָבן, אָבער, אויך אַ סך ווערק אויף ענגליש, פֿראַנצייזיש, דײַטשיש, העברעיִש, אונגעריש, דזשודעזמע (לאַדינאָ), פּויליש און רוסיש.

העכער 4,000 פּראָפֿעסאָרן, סטודענטן, ליבהאָבערס פֿון גענעאַלאָגיע, מוזיי־קוראַטאָרן, שרײַבערס, פֿילם־רעזשיסאָרן, קינסטלערס, אַקטיאָרן און היסטאָריקערס קומען אַלע יאָר אין אַרכיוו און אין ביבליאָטעק. דער ייִוואָ־פּערסאָנאַל ענטפֿערט יעדעס יאָר אויף העכער 7,000 אָנפֿרעגן, דורכן טעלעפֿאָן, טעלעקאָפּיע (פֿאַקס), פּאָסט און בליצפּאָסט.

דער עיקר נוצן קענען האָבן פֿון די ייִוואָ־קאָלעקציעס די פֿאָרשערס, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט די ווײַטערדיקע ענינים:

- די געשיכטע און לעבן־שטייגער פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה (אַרײַנגערעכנט וויכטיקע קאָלעקציעס וועגן דער ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און מוזיק)
- אַמעריקאַנער ייִדישע געשיכטע
- חורבן מיזרח־אייראָפּע
- ייִדישע גענעאַלאָגיע

וויכטיקע פּרטים וועגן די קאָלעקציעס:

### מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה

- די ווילנער קאָלעקציע – 40,000 ביכער, דערונטער 25,000 ספֿרים, טייל נאָך פֿון 16טן י"ה
- אָריגינעלע פּינקסים א"אַ דאָקומענטן פֿון ייִדישע קהילות אין פּוילן, רוסלאַנד, ליטע און דײַטשלאַנד פֿון 17טן י"ה ביז הײַנט

- אַרכיוו און ביבליאָטעק פֿונעם „בונד“, וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון סוף 19טן י״ה ביז הײַנט
- רבנישע כּתבֿ־ידן
- די גרעסטע קאָלעקציע אויף דער וועלט פֿון רעקאָרדירונגען, פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿילמען וועגן מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן
- די גרעסטע קאָלעקציע אויף דער וועלט פֿון ייִדישע קינדערביכלעך
- די גרעסטע קאָלעקציע אויף דער וועלט פֿון ייִדישע טעאַטער־אַפֿישן און ־סקריפּטן

### חורבן מיזרח־אייראָפּע

(גיט דאָ אַ קוועטש אַרויסצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿון וועבזײַטל נאָך רעסורסן צו פֿאָרשן דעם חורבן.)

- אַנטי־סעמיטישע ליטעראַטור אַרויסגעגעבן אין דײַטשלאַנד צווישן 1920 און 1945, אַרײַנגערעכנט די נאַצישע קאָלעקציע, אַ 6,000 ביכער אַרויסגעגעבן בעתן דריטן רײַך צווישן 1933 און 1945
- דאָקומענטן פֿון וואַרשעווער, לאָדזשער און ווילנער געטאָ
- טויזנטער האַנט־געשריבענע גבֿית־עדותן פֿון דער שארית־הפּליטה, פֿון 1945 ביז הײַנט
- צײַטונגען און זשורנאַלן אַרויסגעגעבן דורך דער שארית־הפּליטה אין די די־פּי־לאַגערן אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך און איטאַליע
- העכער 600 יזכּור־ביכער נאָך מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע קהילות
- רשימות אומגעקומענע און לעבן־געבליבענע נאָכן חורבן

### אַמעריקאַנער ייִדישע געשיכטע

- פּראָטאָקאָלן פֿון דער „עדיוקיישאָנאַל אַלײַענס“, הײַאַס א״אַ אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס
- פּראָטאָקאָלן פֿון עטלעכע הונדערט לאַנדסמאַנשאַפֿטן
- העכער 200 אויטאָביאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע אימיגראַנטן, געקליבן אין 1942 דורכן ייִוואָ
- די גרעסטע קאָלעקציע אויף דער וועלט וועגן ייִדישער מוזיק און ייִדישן טעאַטער
- די אַרכיוון פֿון הונדערטער אַמעריקאַנער ייִדישע שרײַבערס, אַקטיאָרן, דראַמאַטורגן, קאָמפּאָזיטאָרן, היסטאָריקערס און געזעלשאַפֿטלעכע טוערס

## ווי אַזוי צו קריגן מער אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם אַרכיוו און דער ביבליאָטעק

דער אַרכיוו און די ביבליאָטעק זענען צוויי באַזונדערע אָפּטיילן. דער אַרכיוו פֿאַרמאָגט כּתבֿ־ידן, אָרגאַניזאַציאָנעלע דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, פֿילמען, אַפֿישן און רעקאָרדירונגען; די ביבליאָטעק, ווידער, פֿאַרמאָגט ביכער, זשורנאַלן און צײַטונגען.

אויב איר ווילט זיך ספּעציפֿיש אָנפֿרעגן, ווענדט זיך צו:

## אַרכיוו

מאַרעק וועב, הויפּט־אַרכיוואַר
mweb@yivo.cjh.org (212) 294-6142

פֿרומאַ מאָהרער, וויצעהויפּט פֿון אָפּטייל און מיטאַרכיוואַר
fmohrer@yivo.cjh.org (212) 294-6143

### רעקאָרדירונגען

לאָרין סקלאַמבערג, קלאַנג־אַרכיוואַר
lsklamberg@yivo.cjh.org (212) 294-6169

### געשריבענע נאָטן

חנה מלאָטעק, מוזיק־אַרכיוואַר
cmlotek@yivo.cjh.org 6119 ליניע ,(212) 246-6080

### פֿאָטאָגראַפֿיעס, פֿילמען און ווידעאָ־טאַשמעס

קרישאַ פֿישער, פֿאָטאָ־ און פֿילם־אַרכיוואַר
kfisher@yivo.cjh.org (212) 294-6144

געדענקט: קשיות און בקשות וועגן פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿילמען מוז מען קודם אָנגעבן בכּתבֿ, אָדער דורך בליצפּאָסט (עלעקטראָנישע פּאָסט) אָדער אויפֿן אַדרעס:

**Archives/Library**
**YIVO Institute for Jewish Research**
**15 West 16th Street**
**New York, NY 10011-6301, USA**
**Fax: (212) 292-1892**

אויב איר האָט אונדז שוין איבערגעגעבן אַ בקשה בכּתבֿ און איר וואָלט געוואָלט רעדן מיט אַ פֿאָטאָאַרכיוואַר, בעטן מיר אײַך אָצונקלינגען אין פֿאָטאָאַרכיוו אויפֿן נומער 294-6144 (212).

### כּדי צו שענקען דעם אַרכיוו דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, כּתבֿ־ידן אד״גל:

לעאָ גרינבוים, מיטאַרכיוואַר
lgreenbaum@yivo.cjh.org (212) 294-6145

## ביבליאָטעק

אַבֿיבֿה אַסטרינסקי, הויפּט־ביבליאָטעקער
avastrinsky@yivo.cjh.org (212) 294-6134

בתיה קאַפּלאַן, ביבליאָטעקער פֿאַר כּלל־באַדינונג
bkaplan@yivo.cjh.org 5100 ליניע ,(212) 246-6080

**כּדי צו שענקען דער ביבליאָטעק ביכער:**

אַהרן טאַוב, קאַטאַלאָגיר־ און אײַנשאַף־ביבליאָטעקער
ataub@yivo.cjh.org  6108 ליניע ,(212) 246-6080

**מע קען זיך אויך נאָכפֿרעגן בײַ די דאָזיקע מיטאַרבעטערס דורך פּאָסט, אויפֿן אַדרעס:**
**YIVO Institute for Jewish Research, 15 West 16th Street, New York, 10011-6301**

## וויזיט־שעהען אינעם אַרכיוו און אין דער ביבליאָטעק און זייערע כּללים

דער אַרכיוו און די ביבליאָטעק האָבן אַ בשותּפֿותדיקן לייענזאַל מיט דער „אַמעריקאַנער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפֿט", מיטן לעאָ בעק־אינסטיטוט און מיט דער אַמעריקאַנער ספֿרדישער פֿעדעראַציע, אינעם „צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע" אויפֿן אַדרעס 15 West 16th Street, New York, 10011-6301.

נ"ב: ביז דער אָפֿיציעלער עפֿענונג פֿונעם צענטער, האַרבסט 2000, געפֿינט זיך דער אַרײַנגאַנג אינעם ייִוואָ אויף 22 West 17th Street.

דער לייענזאַל איז אָפֿן פֿאַר פֿאָרשאַרבעט פֿון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק, 9:30 אַד"פּ ביז 5:30 נ"מ. (גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל נאָך אַ רשימה יום־טובֿים, ווען דער ייִוואָ איז פֿאַרמאַכט.) אויף צו טאָן פֿאָרשאַרבעט דאָ דאַרף מען נישט קיין באַשטעלונג. אויב, אָבער, פֿאָרשן אינעם אַרכיוו איז בעסער זיך אָפּצורעדן מיט אַן אַרכיוואַר – אָדער קלינגט אויפֿן נומער 294-6143 (212) אָדער שרײַבט אַ בליצבריוול א"אַ archives@yivo.cjh.org. אויף צוצוקומען צו די ספּעציעלע קאָלעקציעס, ווי למשל מוזיק, רעקאָרדירונגען, פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿילמען, מוז מען האָבן אַ באַשטעלונג.

אַלע מאַטעריאַלן (ביכער, צײַטונגען און זשורנאַלן, מיקראָפֿילמען, כּתבֿ־ידן, פֿאָטאָגראַפֿיעס אאַז"וו) מוז מען ניצן אין לייענזאַל – מע לײַט זיי נישט אויס. דער ייִוואָ רעכנט דערפֿאַר נישט קיין געלט. פֿאָטאָקאָפּירן קען מען, מיט באַוואָרענישן.

## ווי אַזוי צו שענקען מאַטעריאַלן דעם אַרכיוו און דער ביבליאָטעק

דער ייִוואָ זוכט צו זאַמלען געדרוקטע און נישט־געדרוקטע מאַטעריאַלן, געדרוקטע און קאָמפּיוטעריזירטע ביכער, דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס, רעקאָרדירונגען, פֿילמען, קונסטווערק א"אַ אָביעקטן וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער ייִדישער געשיכטע און שטייגער איבער דער וועלט. דער הויפּט אינטערעסירט אונדז מאַטעריאַלן וועגן לעבן פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און זייערע קינדער און קינדסקינדער אויפֿן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. אַלע יאָר שענקט מען אונדז טויזנטער נײַע איינסן פֿון דער גאָרער וועלט.

דער אַרכיוו נעמט אַרײַן אַלץ, דהײַנו: בריוו, דאָקומענטן און פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישע משפּחות ביז די כּתבֿ־ידן און דאָקומענטן פֿון באַקאַנטע ייִדן און פּראָטאָקאָלן פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. אין 1999 האָט דער ייִוואָ איניציִירט אַ נײַעם זאַמל־פּראָיעקט בײַ ניו־יאָרקער חסידים, „זאַמל־פּראָיעקט: שילן און שטיבלעך אין ניו־יאָרקער ראַיאָן". נאָך אינפֿאָרמאַציעס וועגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט, פֿאַרבינדט זיך מיטן מיטאַרכיוואַר און פּראָיעקט־קאָאָרדינירער פֿרומאַ מאָהרער אויף 294-6143 (212), fmohrer@yivo.cjh.org.

נאָך סך אינפֿאָרמאַציע וועגן שענקען מאַטעריאַלן דעם אַרכיוו, ווענדט זיך צו: לעאָ גרינבוים, מיטאַרכיוואַר 294-6145 (212) lgreenbaum@yivo.cjh.org.

די ביבליאָטעק נעמט אָן ביכער, פּעריאָדישע א״אַ פּובליקאַציעס אויף אַלע שפּראַכן, אַרײַנגערעכנט ענגליש, פֿראַנצייזיש, דײַטשיש, העברעיִש, אונגעריש, דזשודעזמע (לאַדינאָ), פּויליש און רוסיש. זי נעמט אָן איינצלנע ביכער, ווי אויך גאַנצע ביבליאָטעקן, בתּנאַי אויב זי מעג פּטור ווערן פֿון דופּליקאַטן. נאָך סך אינפֿאָרמאַציע וועגן אָנװעקשענקען ביכער דער ביבליאָטעק, ווענדט זיך צו: אַהרן טאַוב, קאַטאַלאָגיר־ און אײַנשאַף־ביבליאָטעקער 246-6080 (212), ליניע 6108 ataub@yivo.cjh.org.

## ווי אַזוי צו קריגן רשות צו רעפּראָדוצירן מאַטעריאַלן פֿונעם אַרכיוו און פֿון דער ביבליאָטעק

דער ייִוואָ גיט רשות צו רעפּראָדוצירן מאַטעריאַלן פֿון זײַנע קאָלעקציעס אין יעדן פֿאַל באַזונדער, געווענדט אינעם מצבֿ און לעגאַלן סטאַטוס פֿונעם שייכדיקן איינס. בלויז אין געציילטע פֿאַלן פֿאַרמאָגט דער ייִוואָ די דרוקרעכט פֿון די מאַטעריאַלן וואָס געפֿינען זיך אין זײַנע קאָלעקציעס. דער באַניצער טראָגט די אַחריות פֿאַר אויספֿאָרשן דעם ענין דרוקרעכט אין שײַכות מיט די מאַטעריאַלן וואָס ער באַניצט.

דאָס באַשטעלן פֿאָטאָגראַפֿיעס און פֿאָטאָקאָפּיעס, ווי אויך דאָס בעטן רשות צו רעפּראָדוצירן מאַטעריאַלן אויף צו פּובליקירן זיי, דאַרף מען אַרײַנשיקן בכּתבֿ א״אַ:

**Archives/Library**
**YIVO Institute for Jewish Research**
**15 West 16th Street**
**New York, NY 10011-6301, USA**
**Fax: (212) 292-1892**

אין איינעם מיט אַלע באַשטעלונגען מוז מען באַצאָלן. (גיט דאָ אַ קוועטש אַרויסצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿון וועבזײַטל נאָך אַ פּרײַז־רשימה און אַ באַשטעל־צעטל וואָס איר קענט אָפּדרוקן.)

# דער מאַקס ווײַנרײַך־צענטער פֿאַר העכערע ייִדישע שטודיעס

דער מאַקס ווײַנרײַך־צענטער פֿאַר העכערע ייִדישע שטודיעס בײַם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט – ייִוואָ איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1968 און האָט פֿאַר אַ ציל צו דערציִען נײַע פֿאָרשערס אויפֿן פֿעלד פֿון ייִדישן לעבן. דער צענטער, וואָס ער טראָגט דעם נאָמען פֿונעם באַוווּסטן געלערנטן און ייִוואָ־מיטגרינדער ד״ר מאַקס ווײַנרײַך, גיט זיך אָפּ מיט אָנצומוטיקן און פֿאָרשפּרייטן דאָס פֿאָרשן דאָס לעבן פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און שייכדיקע טעמעס, צונויפֿנעמען די אינטעלעקטועלע רעסורסן אין דעם שטח און העלפֿן יונגע פֿאָרשערס זיך צו ספּעציאַליזירן אין דעם פֿעלד.

דער צענטער לייגט פֿיר גראַדויִר־קורסן און סטיפּענדיעס אין פֿעלד פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע, עטנאָגראַפֿיע און פֿאָלקלאָר, ווי אויך נישט־פֿאַר־קרעדיט־קורסן אין די פֿעלדער. גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל כּדי צו באַקומען לויפֿיקע קורסן־רשימות. ער אָרדנט אײַן עפֿנטלעכע לעקציעס און וויסנשאַפֿטלעכע קאָנפֿערענצן און גיט אַרויס זשורנאַלן און ביכער.

יעדעס יאָר קומען סטודענטן פֿון איבער דער וועלט זיך צו באַטייליקן אינעם אוריאל ווײַנרײַך־פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור בײַם ייִוואָ – אַן אינטענסיווער זומערקורס וואָס ווערט געפֿירט בשותּפֿות מיטן קאָלומביע־אוניווערסיטעט. גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל כּדי צו באַקומען מער אינפֿאָרמאַציע וועגן דער זומער־פּראָגראַם.

# רשימה ייִוואָ־פּובליקאַציעס אויף ייִדיש

(גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל און צוקומען צו דער פֿולער רשימה ייִוואָ־אויסגאַבעס.)

פֿישמאַן, דוד־אליהו
שפּײַטלעך אַרויסגעריסן פֿון פֿײַער: דאָס אָפּראַטעווען ייִדישע קולטור־אוצרות אין ווילנע
ייִוואָ, 1996
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

פֿישמאַן, דוד־אליהו, רעד׳, ייִוואָ־בלעטער, נײַע סעריע, בענד 1-3
באַנד I, 1991
באַנד II, 1994: קולטור־היסטאָרישע שטודיעס וועגן ייִדן אין ליטע
באַנד III, 1997 (רעדאַקטירט פֿון דוד־אליהו פֿישמאַן און אַבֿרהם נאָווערשטערן):
חורבן ליטע
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

הערצאָג, מיכל
ייִדישער שפּראַך־און קולטור־אַטלאַס, בב׳ 1-3
פֿאַרלאַג מאַקס נימײַער און ייִוואָ, 1995-1999
גיט דאָ אַ קוועטש צו באַשטעלן דירעקט פֿונעם פֿאַרלאַג מאַקס נימײַער דורך דער אינטערנעץ.

דער אײנהייטלעכער ייִדישער אויסלייג: תּקנות פֿון ייִדישן אויסלייג (זעקסטער אַרויסקום) מיט פֿון פֿאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך: אַן איבערבליק איבער דער היסטאָריע פֿונעם אײנהייטלעכן אויסלייג פֿון מרדכי שעכטער.
ייִוואָ און ייִדיש־שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער בײַ דער ייִדיש־ליגע, 2000
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיט דער ייִדיש־ליגע, 200 וועסט 72סטע גאַס, צימער 40, ניו־יאָרק, נ״י 10023, 787־6675 (212) אָדער מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

שעכטער, מרדכי, רעד׳
ייִדישע שפּראַך. זשורנאַל פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער כּלל־שפּראַך
(ווערט אַרויס אין 2000)

שעכטער, מרדכי
די געוויקסן־וועלט אין ייִדיש
ייִוואָ און ייִדיש־ליגע (ווערט אַרויס אין 2001)

סטוטשקאָוו, נחום
אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך
ייִוואָ, 1950 (איבערדרוק, 1991)
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

ווײַנרײַך, אוריאל
קאַלעדזש ייִדיש, אויפֿלאַגע צום 50סטן יובֿל, מיט אַ נײַער הקדמה פֿון ד״ר יחיאל־אַבא (דזשעפֿרי) שאַנדלער
ייִוואָ, 1999
גיט דאָ אַ קוועטש צו באַשטעלן פֿון amazon.com דורך דער אינטערנעץ. מע קען עס אויך באַקומען אינעם ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

## טאַשמעס

אין ליבשאַפֿט און אין גראַנגל, די מוזיקאַלישע ירושה פֿונעם ייִדישן אַרבעטער־בונד
ייִוואָ 1999
קאָמפּאַקט־דיסקל, $18.00; טאַשמע: $12
גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל כּדי צו הערן אויסצוגן פֿונעם קאָמפּאַקט־דיסקל.
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

באָנטשע שווײַג און אַנדערע שאַפֿונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, געלייענט פֿון דוד ראָגאָוו
ייִוואָ, 1998
קאָמפּאַקטדיסק $15.00, טאַשמע, $10.50
גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל כּדי צו הערן אויסצוגן פֿונעם קאָמפּאַקט־דיסקל.
צו קויפֿן: פֿאַרבינדט זיך מיטן ייִדישן ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג, 45 איסט 33סטע גאַס, ניו־יאָרק, נ״י 10016, 889-6800 (212) אָדער 922-2558 (800).

## סיבה נומ׳ 1: העלפֿט בויען די געשיכטע...

אין זײַן אַרכיוו און ביבליאָטעק היט דער ייִוואָ אָפּ די געשיכטע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן.

ווי ס׳האָט אונדז אָנגעמוטיקט מיט העכער הונדערט יאָר צוריק דער היסטאָריקער און מיטגרינדער פֿונעם ייִוואָ, שמעון דובנאָוו:

„איך אַפּעליר צו אַלע געבילדעטע לייענערס... צו די אַלטע
און די יונגע... שטייט צו צו די בויערס פֿון געשיכטע!״

במשך פֿון 75 יאָר זאַמלט און פּרעזערווירט דער ייִוואָ אַלע דאָקומענטן פֿונעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין ייִדישן מיזרח־אייראָפּע: גרעסערע און קלענערע אָביעקטן וואָס ס׳נעמט אַרום אַ שטייגער לעבן, ווי למשל טעאַטער־ און פּאָליטישע אַפֿישן, משפּחה־פֿאָטאָגראַפֿיעס, טעלעפֿאָן־ביכער פֿון שטעט און שטעטלעך, ביכער אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן (דערעיקרשט אויף ייִדיש), געדרוקטע נאָטן און רעקאָרדירטע מוזיק, פּראָטאָקאָל־ביכער פֿון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, גענעאַלאָגישע ביימער, פּאָלקלאָר און נאָך און נאָך.

## סיבה נומ׳ 2: זײַט ממשיך אַ ייִדישע טראַדיציע און שטייט הײַנט צו צום ייִוואָ...

דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן ייִדישע קיבוצים שטענדיק געשטיצט תּורה־לערנען און וויסנשאַפֿט. דאָס האָבן די נדבֿות און איבערגעגעבנקייט פֿון יחידים, אַזעלכע ווי איר, געבויט און אויפֿגעהאַלטן די גרויסע ישיבֿות, ביבליאָטעקן, שולן און אַנדערע ייִדישע אינסטיטוציעס.

## סיבה נומ׳ 3: שמידט אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט דורך שטיצן אונדזער אַרבעט...

דער ייִוואָ איז אַ פּלאַץ, וווּ איר קענט זיך לערנען וועגן דער וועלט פֿון אײַערע טאַטע־מאַמע, זיידע־באָבע און עלטער־זיידע־באָבע – זייער אָפּשטאַם, די שפּראַכן וואָס זיי האָבן גערעדט, די לידער וואָס זיי האָבן געזונגען, ווי זיי האָבן געלעבט.

מיר קענען אײַך העלפֿן בײַם פֿאָרשן די געשיכטע פֿון אײַער משפּחה, בײַם זוכן פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע קהילות, בײַם שטודירן וועגן ייִדישן טעאַטער און מוזיק, בײַם לערנען זיך מאַמע־לשון און בײַם באַקענען זיך מיט דער ייִדישער געשיכטע.

מדור לדור: פֿאַרשטאַרקט די גאָלדענע קייט דורך שטיצן די אַרבעט פֿון ייִוואָ. ווערט הײַנט אַ מיטגליד!

גיט דאָ אַ קוועטש אַוועקצוגיין פֿונעם ייִדישן חלק פֿונעם וועבזײַטל, כּדי צו באַקומען אַ מיטגליד־אַפּליקאַציע אָדער צו געבן אַ בײַשטײַער דורך דער אינטערנעץ.

## דער ייִוואָ און ייִדיש

דער ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ איז עטאַבלירט געוואָרן אין 1925 אין ווילנע, פּוילן. די גרינדערס זײַנען געווען געלערנטע, לערערס און קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז מאַמע־לשון איז דער בעסטער מיטל צו דערציִען ייִדן און זיי באַקענען מיט זייער געשיכטע און קולטור. דער ייִוואָ האָט אַרויסגעלאָזט גרונטיקע, וויכטיקע וויסנשאַפֿטלעכע ווערק אויף ייִדיש, ווי אויך אָרגאַניזירט פּאָפּולערע לעקציעס, אויסשטעלונגען, קולטור־אונטערנעמונגען און סעמינאַרן פֿאַר לערערס אין פֿאָלקשולן און גימנאַזיעס געפֿירטע אויף ייִדיש.

דער ייִוואָ איז געוואָרן די אויטאָריטעט פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און אַ פּיאָניר אין דער ייִדישער שפּראַכפֿאָרשונג. דער ייִוואָ האָט געשאַפֿן סײַ דעם סטאַנדאַרד פֿון ייִדישן אויסלייג, סײַ דעם סטאַנדאַרד פֿאַר טראַנסליטעראַציע פֿון ייִדיש אויף ענגליש. דאָס מאָדערנע ענגליש־־ייִדישע ייִדיש־ענגלישע ווערטערבוך פֿון פּראָפֿ׳ אוריאל ווײַנרײַך, וואָס דער ייִוואָ האָט אַרויסגעגעבן אין 1968, איז שוין אַרויס אין עטלעכע אויפֿלאַגעס. צום 50סטן יובֿל פֿון זײַן אַרויסקום איז אויך אַרויס אין אַ נײַער אויפֿלאַגע פֿון פּראָפֿ׳ ווײַנרײַכס קאַלעדזש־ייִדיש, נאָך אַלץ אַ וויכטיקער לערנבוך פֿאַר אָנהייבער־קורסן.

דער ייִוואָ ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר דער „הויפּטקוואַרטיר״ פֿון דער ייִדישער שפּראַך איבער דער גאַנצער וועלט. הונדערטער סטודענטן האָבן זיך געלערנט אין זײַנע ייִדיש־קורסן אָדער געענדיקט די אינטענסיווע זומער־פּראָגראַם.